Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּרץ

Moskve, 1941

געפֿאַנגענער פֿאַשיסט

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

## געפאנגענער פאשיסט

ער האָט געהאָפט זיך אומקערן פון קריג
אפ טריומפאלן רײַטוואָגן פון שארבנס און פון ביינער;
דעם קרייץ דעם אײַזערנעם פאר בליץ-שנעליקן זיג
אפן פאראד דער „פיורער" אָנטאָן וועט אליין אים,

ארומנעמען אים פײַערלעך פאר דינען טרײַ,
די האנט די בלוטיקע אפן פאראד אים דריקן
און אים באשטימען פאר א ווירדיקן בוהײַ
איבער א גאנצער שטאָל געצייכנטע אריִקעס,

ער זאָל אין שויס פון ריינעם שטאם צוריק
מיט בלוט געשטעמפלט נאָכאמאָל זיך קערן;
און א באשיידענעם צושטײַער צו דעם נעקסטן קריג
זאָל ער דעם „פיורער" ברענגען מיט זײַן נאָבעלער פארמערונג.

און דאָס וועט זײַן זײַן אמט און זײַן בארוף און טאט,
און ער וועט ענדערן אזוי פון וועלט-סיידער די גרונטן;
ער וועט נאָך עפשער אָנשרײַבן א גײַסטרײַכן טראקטאט:
„מײַן קאמפ" אָדער „דער מיף פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט".

ער האָט געוויסנהאפט דאָך אויסגעפילט דעם „פיורערס" וואָרט,
כאָטש פון געוויסן האָט דער „פירער" פײַערלעך באפרײַט אים;
ניט דורכגעלאָזט האָט ער קיין איינציק אָרט,
ס'זאָל ניט פארוואנדלט זײַן אין ברוכווארג און אין שײַטער.

ניט דורכגעלאָזט קיין שטוב האָט ער דאָך אָן א מאָרד,
קיין שוועל קיין איינציקע געמיטן אָן א גוואלדטאט;

געוויסנהאפט ט׳ער אויסגעפּילט דעם „פּיורערס״ וואָרט,
און איצט וועט ער מיט שטאָלץ אים אפּנ האלדז א פאל טאָנ:

— אינ קיִעוו בליצט! אינ מאָסקווע בליצט!
מיר פירנ בליצשנעל דורכ די נײַע אָרדענונג!
צו וועמענ נאָכ באפעלט דער „פּיורער״ איצט
זיכ לאָזנ בליצשנעל הארגענענ און מאָרדנ?

ער האָט דאָכ אויכ גערעוועט אפּ א כאָרכלדיקער שטימ,
און ווי דעם „פּיורער״, האָט פונ מענטשנ אימ געעקלט;
די העכערע באלוינונג ווארט אפּ אימ באשטימט,
זאָל נאָר געדולד ביז ענדע קריג אימ קלעקנ!

און טאָמער ניט, — האָט ער זיכ פאָרגעשטעלט, —
און טאָמער טרעפט עס ניט אזוי אונטער דער האנט אימ,
וועט ער זיכ עפענענ אינ דר׳היימ אנ אייגענעמ געוועלב,
און ניט געכאפּט, באדאכט וועט ער זיכ לאָזנ האנדלענ.

ער האָט אפּ יעדנ אָרט גערוי׳ט דאָכ ביז צו ענד,
געקראָכנ ווי א קייווער-וואָרעמ צווישנ מיסט און ביינער;
און מיט די ציינ אראָפּגעביסנ פינגערלעכ פונ הענט,
און אוירינגלעכ — מיט אויערנ אינײנעמ!

אינ יעדנ לאנד, ווו ער איז דורכגעגאנ אינ קריג,
האָט ער פונ לעבעדיק און טויט דאָכ מערדערלעכ געשונדנ;
זאָל ער זיכ אומקערנ אהיימ נאָר צ׳ריק —
דער ברוינער מיפּ פונ צוואנציקסטנ יאָרהונדערט...

און איצטער בליצט בא אימ אינ טעמפּנ קאָפּ
דער ווילדער פאכאד פאר זײַנ פעל דער ברוינער;
מיט אויגנ בלײַענע ער קוקט אראָפּ
און בענקט נאָכ א פאראד און טראכט פונ זײַנ באלוינונג!